גוט שבת **אלע אידן**. דוב גאלדבערג (נישט זיין עכטע נאמען) איז אן עסקן אין די שטאט באסטאן. ער איז זייער אקטיוו אין די קהילה אינטערעסען, למשל די ישיבה, הצלה, דער מיידל סקול און דער עירוב און מוסדות צדקה אויך. דוב'ס פרנסה איז באשטאנען פון פענסטער דעקס און פירהאנגען און ער האט אפיסעס אינדערהיים און אין שטאט באסטאן אויך. א גרויסער טייל פון זיין ארבעט איז באשטאנען פון ארומפארן אין אלע שטעטלעך אין די באסטאן געגענט כדי צו ווייזן זיינע סחורה פאר מענטשן. ער איז מקיים דעם פסוק: "בזעת אפיך תאכל לחם..." פארשטייט זיך אז דוב איז א פארנומענער מענטש, ווייל ער איז אייביג עוסק אין מצוות אדער מסחר. וועגן דעם קומט עס אויס אז אמאל אמאל פארגעסט ער זיין "אפוינטמענטס", און ער קומט נישט אן צו אלע פלעצער וואו ער דארף גיין.

אמאל, האט ער זיך געדארפט טרעפען מיט מר. סילווער, א פרייער איד וואס איז אינטערעסירט געווען צו קויפן סחורה פאר זיין הויז. צום גרויס צער פון מר. סילווער, האט דוב פארגעסן פון דעם אפוינטמענט און ער איז נישט אנגעקומען. דוב האט פשוט פארגעסן אראפצושרייבן דעם טאג אויף זיין לוח. בערך 10 אזייגר אין יענע נאכט פון דעם אפוינטמענט, האט מר. סילווער גערופן דוב'ס אפיס און ער האט איבערגעלאזט א לאנגע מעסעדזש וואס איז געווען פיל מיט כעס, וועגן דעם וואס דוב האט נישט געהאלטן זייןווארט. מר. סילווער האט אביסל מגזם געווען אויפ'ן טעלעפאן, אבער ער איז טאקע געווען אויפגערעגט אויף דוב, ווייל ער האט געוואלט שוין ענדיגען דעם ארבעט אין זיין הויז.

דעם נעקסטען טאג, ווען דוב האט געהערט דעם מעסעדזש פון מר. סילווער, האט ער אים גלייך אנגערופן כדי אים איבערצובעטן. "איך האב נישט קיין תירוץ," האט דוב אנגעהויבן צו זאגן פאר מר. סילווער. "איך בין פשוט מורא'דיג פארנומען, און איך האב פארגעסן אראפצושרייבן דעם טאג אויף מיין לוח. ביטע זייט מיך מוחל."

"דו ביסט א ביזנעס מענטש," האט מר. סילווער געענפערט מיט אן אויפגערעגטקייט, "דו האסט געדארפט זיין מער מסודר. מיין צייט איז פונקט אזוי טייער ווי דיינס."

"אנטשולדיגט מיר, ביטע," האט דוב געזאגט מיט עניוות. "ביטע לאז מיר מאכן אן אנדערע אפוינטמענט, און איך זאג אייך צו אז איך וועל קומען באצייטענס." דוב איז געווען איבערראשט צו הערן וואס מר. סילווער האט אים געענפערט: "איין איד דארף אייביג געבן אן אנדערע איד א צווייטע געלעגענהייט. דו קענסט צוריק קומען."

דוב האט מורא געהאט אז עס וועט אויסקומען א חילול השם, טאמער ער וועט נישט אנקומען דעם צווייטן מאל באצייטענס, ווייל מר. סילווער איז א פרייער איד, און דוב איז א פרומע איד. אסאך מאל זענען פרייע אידן גאר שטרענג ווי זיי קוקן אויף פרומע אידן. טאמער א פרומער איד טוט עפעס וואס טויג נישט, ח"ו, קען עס דערווייטערען א פרייער איד, ח"ו. וועגן דעם האט דוב געדארפט זיין זיכער אז ער וועט דאס מאל אנקומען באצייטענס.

מר. סילווער האט מסכים געווען, אן זיי האבן אפגעמאכט אז דוב זאל קומען צו מר. סילווער'ס הויז דעם נעקסטען מאנטאג 10 אזייגר אינדערפרי. "אבער, דו זאלסט קומען באצייטענס," האט מר. סילווער אריינגעווארפן פאר דוב האט אראפגעהאקט דעם טעלעפאן. "זיכער," האט דוב אים געזאגט.

מאנטאג אינדערפרי, 5 מינוט פאר 10 אזייגער, איז דוב אנגעקומען צו מר. סילווער'ס שיינע הויז. ער איז אהין געפארן פרי, ווייל ער האט נישט געוואלט מאכן א חילול ה' אויב ער וועט אנקומען שפעט.

ער איז געגאנגען צום טיר און ער האט געקלונגען און ער האט געווארט. פלוצלונג איז דער טיר געעפענט געווארן און א יונגער מענטש איז ארויסגעקומען אין א בהלה. דער מענטש האט אנגעהויבן צו שרייען אויף דוב, "וואס טוסטו דא, איך האב דיך נישט גערופן, דו האסט נישט וואס צו טון דא!"

דוב איז געווארן ערשטוינט. "אבער... איך האב קובע געווען א 10 אזייגר אפוינטמענט מיט מר. סילווער. איז ער אינדערהיים?" האט דוב געפרעגט.

"מיין טאטע האט יעצט גע'חלש'ט אויפ'ן קיטשען פלאר," האט דער יונגער מענטש געזאגט, "מירווארטן אויף אן אמבולענס, איך מיין אז ער האט געהאט א סטראק..." ה' ירחם.

פאר מיר גיין ענדיגען דער מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים פון דער מעשה וועלכע האבן א שייכות מיט די וואכעדיגע סדרה. דער אייבערשטער זאגט אונז קלאר אין די וואכעדיגע סדרה אז די אידן זענען די שפיטץ פון אלע פעלקער אין די גאנצע וועלט. אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק: " כי עם קדוש אתה לד' אלקיך ובך בחר ד' להיות לו לעם סגלה מכל העמים אשר על פני האדמה..." (דברים יד,ב) ד"ה, ווייל דו ביסט א פאלק וואס איז הייליג צו דעם אייבערשטען דיין ג–ט, און דער אייבערשטער האט דיך אויסגעוועלט צו זיין א באליבט פאלק מער פון אלע פעלקער אין די וועלט. בקיצור, דער אייבערשטער האט אונז ליב.

מען קען פון דא ארויסנעמען א געוואלדיגע מוסר השכל וואס איז שייך אין אונזער טאג טעגליכע לעבן. די בעסערע גוים און פרייע אידן קענען דעם אויבערדערמאנטע פסוק גאנץ גוט, ד"ה אידן זענען דער אייבערשטער'ס "עם קדוש" און "עם סגולה." וועגן דעם ערווארטן די גוים (און פרייע אידן) צו זען אז אידן זאלן זיך טאקע פירן ווי דער אייבערשטענ'ס "עם הנבחר." וועגן דעם, ווען אידן פירן זיך אויף נישט ווי עס דארף צו זיין פאר די גוים און פאר פרייע אידן, קומט אויס א חילול השם, ווייל די גוים זאגן פאר זיך, "דאס איז דער 'עם קדוש' און 'עם סגולה?!?'"

רש"י הקדוש איז מסביר וואס מיינט חילול ה' "אדם גדול שבני אדם למדים הימנו ואינו נזהר במעשיו, נמצאו הקטנים מזלזלין בתורה על ידו, ואומרים: זהו מבין שאין ממש בתורה ובמצות, ונמצא השם מתחלל, נעשה דבריו חולין." ד"ה ווען מענטשן טון ארויפקוקן אויף א חשוב'ען איד און זיי לערנען פון אים, און זיי זען אז דער חשוב'ער איד איז נישט אזוי פארזיכטיג מיט אלע מצוות, דורך דעם ווערט די השפעה פון השי"ת'ס תורה אפגעשוואכט. (מס' שבת לג. ד"ה "חילול ה'") איז לאמיר יעצט ענדיגען דער מעשה...

דוב האט נישט געווארט ביז דער יונגער מענטש זאל אפילו ענדיגען זיין רייד. אזוי ווי מיר האבן דערמאנט ביים אנהייב מעשה, דוב איז א חבר הצלה. וועגן דעם איז ער שנעל געלאפן צו זיין קאר, פון וואו ער האט ארויסגענומען זיינע הצלה זאכן. דאן איז ער אריינגעלאפן צו מר. סילווער'ס קאך, וואו דוב האט טאקע געטראפן מר. סילווער ליגענדיק אויפ'ן פלאר, אראפגעפאלן פון א סטראק, אויף אלע גוים. ב"ה, דוב האט געראטעוועט מר. סילווער'ס לעבן. דורך דעם האט דוב געמאכט א ריזיגע קידוש השם, מכפר צו זיין אויף זיין פריער חילול השם!

לאמיר מתבונן זיין אויף דער מעשה. און דורך דעם וועלן מיר אלע געדענקן צו מאכן נאר א קידוש השם בפרט ווען מיר האנדלען מיט גוים און פרייע אידן. דורך דעם קענען מיר ברענגען נחת פאר אונזער טאטען אין הימעל, און גורם זיין א שחמה פאר'ן אייבערשטען אז ער האט אויסגעקליבן די אידן פון אלע פעלקער, צו זיין זיין "עם קדוש" און "עם סגולה." גוט שבת **אלע אידן**.

נתנדב לע"נ רחל ריקל ע"ה בת ר' יצחק אייזיק הי"ו, נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים
לע"נ הרה"ח ר' ברוך (בן ר' יצחק ע"ה) אייזענבערג ז"ל.
**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**
**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**
**מדה טוב מרובה! אויב מ'רעדט דברי תורה און תפילה אין שול איז מען מוסיף חיים, "כי הם חיינו ואורך ימינו..."**